# אומגעביטן

## יענטע סערדאַצקי

כ׳האָב מיך אומגעביטן, זאָגט איר! אַלע באַקאַנטע זאָגן אויף מיר דאָס אייגענע. און זייער "זאָגן" איז אַזאַ גיפֿטיגער, דאָס די בלוט אין די אָדערן פֿרירט... ר׳מיינט, זיי פֿאַרגינען? "איר גאַנצער פּעסימיזם איז נאָר געווען אַ חתן-פֿראַגע", בײַסן זיי מיר אָפּט. פֿאַר-אַ-יאָרן, אַז איך האָב געוואָלט שטאַרבן, האָבן זיי מיר די טריט געהיט און דערהיט, ניט דערלאָזט... און איצט, אַז כ׳וויל לעבען, לאָזן זיי ווידער ניט. אָרעמע ברואים!

איך אינטערעסיר אײַך איצט, זאָגט איר? נו, געוויס, אַ שרײַבער, אָרעם אין טעמעס, זוכט מען טיפֿן... פֿאַר-אַ-יאָרן בין איך פֿאַר אײַך קיין "סחורה" ניט געווען: אַ חשכדיקע, אַ אומעדיקע, קוים די פֿוס שלעפּן, ווייניק האָט דאָס לעבן אַזעלכע? ווייניק סמען זיי די לופֿט?

פֿון מײַן לעבן זאָל איך אײַך דערציילן? פֿון מײַן פֿאַרגאַנגענהייט? ד.ה., פֿון געוויסע פּעריאָדן אין מײַן לעבן. נו, דאָס גאַנצע מענטשנלעבן איז זייער לאַנג-ווײַליק...

כ׳וועל אָנהייבן ווי אַ שרײַבער, פּעריאָד נומער איינס:

אַ זומערנאַכט, אַ חתונה אין אַ דאָרף, איך בין זיבצען יאָר אַלט, מײַנע בלאָנדע האָר זײַנען צעפֿלאָכטן און אַרומגעזוימט מיט אַ בלויען באַנד. אַ בלויע זומערקלייד איז ווי אויסגעגאָסן אויף מײַן שלאַנקן געשטאַלט, דאָס ראָזעווע פּנים פֿלאַמט, די אויגן בלוי, ווי דאָס קלייד, לײַכטן, די פֿיס שוועבן, ווי פֿליגל, איך טאַנץ.

פֿון מזרח שײַנט אַרײַן אַ רויטער שטרײַף דורכן פֿענסטער. כ׳ווער מיד, כ׳גיי, שטילערהייט, אַרויס פֿון שטוב, אַ ביסל ווײַטער איז אַ גראָזיקער פּלאַץ מיט אַ פּאָר ביימער, כ׳לייג מיך אויפֿן גראָז, שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף אַ שטאַם פֿון אַ בוים און ווער אַנגעשלאָפֿן.

ניט לאַנג שלאָף איך. עס טוט מיר אַ ברען אין די אויגן, כ׳עפֿען זיי, זיי ווערן ליכטיק און קלאָר, און דאָס האַרץ... נאָר, כ׳בעט אײַך, לאָמיר ניט דערמאָנען "האַרץ": עס נודזשעט שוין פֿון די ווערטער "האַרץ און נשמה" אין איצטיקע רײדעכצן און שרײַבעכצן...

נו, מײַנע אויגן זײַנען אָפֿן, זיי זעען די זון פֿלעכט זיך אויס פֿון מאָרגן-רויט-קייט, (אַפֿילו אויך אַ צו-שאַבלאָנער אויסדרוק), דאָס גרינע פֿעלד איז געפֿלעקט מיט גאָלד, די דאָרפֿישע הייזלעך, ווי שטיקער פֿײַער, אַ גרויסער בעכער ווײַן

קוקט אויס די דערבײַיִקע אָזערע, מײַנע האָר וויגט אַ ווינד און אַ שטראַל פֿאַרבט זיי אין זיבן פֿאַרבן, דער ווינט בלעזעלט מײַן בלויען קלייד און ענט-פּלעקט די ווײַסע שפּיצן פֿון געקראָכמאַלטן אונטעררעָק... אָבער נאָך ניט דאָס אַלעס... ניט ווײַט פֿון אָזערע אויף אַ גרויסן שטיין זיצט אבֿרהם און קוקט אויף מיר... און ער קוקט אַזוי מאָדנע... אַזוי הייליק... אַהאַ, איר וואָלט שוין געפֿונען אַלערליי צוגלײַכענישן: "ער קוקט ווי אַ פֿאַרכשופֿטער ריטער אויף אַ טרוימענ-דע געטין, א.ז.וו.

חאַ, חאַ, חאַ!

אבֿרהם איז דעם חתנס אַ ברודער, אַ בחור פֿון אַ יאָר נײַנצען, אַ הויכער, אַ בלאַסער, און זער אַ שיינער. ער הייבט זיך אויף און נענטערט לאַנגזאַם צו מיר. אַ שטראַל גלאַנצט אויף זײַנע האָר. גאָט, ווי שיין ער איז!–

נו, נאָך ווילט איר? פּעריאָד נומער צוויי:

אַ גרויסע שטאָט, ריזיקע הייזער, ברייטע גאַסן, שפּאַציר-גערטנער, מאַגאַזינען מיט גרויסע שוי-פֿענסטער, אַלערליי גוטיקייט אין די פֿענסטער. אין די גאַסן קאָכט עס: מענטשן פֿון אַלערליי נאַציאָנען, אויסגעפּוצטע, שײַנענדיקע. מיך אינטערעסירט עס ווייניק. איך וווין מיט נאָך דרײַ מיידלעך אין אַ דאַכשטיבל, מיר לערנען, מיר גרייטן זיך צו, צו וואָס? כ'ווייס אַליין ניט. פֿיר דיפּלאָמען האָבן מיר שוין: פֿון אַ קורס גימנאַזיום, פֿון מאַסאַזש, פֿון פּאָקן זעצן, פֿון אַקושערקע, איצט גרייטן מיר זיך פֿאַר פֿעלדשערינס... מיר טראָגן אויסגעקרימטע שיך, צעבויגענע היטעלעך, צעריסענע קליידלעך. אויף אַ הילצערנעם קעסטל בײַ אונדז אין צימער שטייט אַ גאַז-מאַשינקע; מילך און ברויט איז דער גרעסטער ראָסקאָש...

איך בין שוין אַלט פֿיר און צוואַנציק, אַ פֿולע קנייטשן אויפֿן שטערן, אַרום מויל, די אויגן קורצזיכטיק, כ'טראָג "פענסנע". אבֿרהם איז שוין לאַנג אַ "חלום" פֿאַרבליבן. ער איז אַוועק אין אַמעריקע פֿון זעלנערײַ, און האָט דאָרט חתונה געהאַט. כ'לויף דורך עטלעכע גאַסן אַ טאָג, אָבער כ'זע אַרום דעם לעבן, ווי דורך אַ נעפּל: מײַן קאָפּ איז פֿאַרנומען מיט מײַנע לערנביכער און מיט די "אוראָקן", וואָס כ'לויף געבן. שווערע קעפּ בײַ די שילער, מיט פֿעטס-פֿאַרגאָסע-נע מאַרך, ס'האַרץ עסט מען זיך אויס, און ס'האַרץ איז טאַקע אויסגעטריקנט און ס'שטעכט אָפּטמאָל אַזוי שטאַרק...

נו, פּעריאָד נומער דרײַ:

איך בין זיבן און צוואַנציק. די זעלבע שטאָט, שטורמטעג, כ'בין שוין אַ פּאָר

יאָר אין דער באַוועגונג. קיין גרויסע זאַכן טו איך ניט. איך באַלאַנג צום סאַניטאַרן-אַבטיילונג, קיין גרויסע געשעענישן פּאַסירט ניט אין אונדזער שטאָט. אויף איין גראַניעטן פֿינגער זײַנען פֿאַראַן צוואַנציק הענט... ניט אינטערעסאַנט! אויף דעמאָנסטראַציעס גיי איך וואַקלענדיק: די אַרבעטער טוליען זיך איינס צו די אַנדערע, זיי פֿילן אין מיר אַן אַנדער קלאַס, און די "אינטעליגענטן" רוקן זיך צו די אַרבעטער, איבערהויפּט צו די אַרבעטערינען... איך גיי מיט נאָך אַזעלכע, ווי איך, נו, מילא, די נאַטור איז שווער איבערצומאַכן...

ס'ווערט שטיל דער "שטורם". די אַפּאַטיע קומט. "סאַנין" רײַסט זיך פֿון אַלע ווינקלעך. יונגע, בליִענדע מיידלעך שפּאַצירן אַרויס ווי פֿון דר'ערד... מיך פֿאַרהילט אַ פֿינסטערניש, אַן אונהיימלעכער פֿײַער ברענט אין מײַן אויג–

דער פֿירטער פּעריאָד:

איך בין פֿון דער זײַט ים. געצויגן האָט מיך אַהער אבֿרהם. כ'האָב ח"ו ניט געוואָלט צושטערן זײַן פֿאַמיליען-לעבן. כ'האָב געוואָלט נאָר זען אַ שאָטן פֿון מײַן אַמאָליקן גליק. און אפֿשר... ווער ווייסט? ווער קען אַרײַנדרינגען אין די פֿאַרבאָרגנע ווינקעלעך פֿון מענטשנס האַרץ!...

אבֿרהם איז "גוט אָב". ער איז פֿעט און שיין, ער האָט אַ פֿעטע שיינע ווײַב, פֿינף פֿעטע, געזונטע קינדער, און אַ גוטן געשעפֿט. קיין איין נערוו האָט בײַ אים ניט אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט מיך דערזען. זײַנע נערוון זײַנען פֿאַרגאָסן מיט פֿעטס, מיט פֿעטס איז פֿאַרגאָסן מײַן גליק...

קיין פֿרײַנד האָב איך דאָ ניט, קיין נאָענטע באַקאַנטע אויך ניט. אַ פּאָר מיידלעך פֿון אונדזער "קרוזשאָק" אַרבעטן און לערנען דאָ, זייער טרוים איז צו ווערן אַ "נוירס"...

איך קען ניט לערנען אַפֿילו די שפּראַך. כ'האָב מיך צופֿיל "איבערגעגעסן" מיטן לערנען. אַרבעטן קען איך אויך ניט, אָבער איך מוז.

איך ערוואַך ווען ס'איז נאָך פֿינסטער. מײַנע קליידער זײַנען נאָך כּמעט היימישע, די שיך ניט גאַנץ. איך שליאָפּע אין רעגן און שניי דרײַ בלאָק ביז די קאַר, אונטערן אָרעם האַלט איך מײַן עלנטן לאָנטש. אין שאַפּ איז מיר אונהיימלעך. מײַנע דאַרע הענט טויגן ניט צו אַרבעטן, און די נערוון גיבן מיר קיין רו. איך אַרבעט ווייניק אויס. בײַנאַכט קום איך אַ צעבראָכענע. אויף מײַן דירה פֿאַרברענג איך ווייניק: די מיסעס איז פֿאַרנומען מיט קליינע קינדערלעך, דער מיסטער גייט אַלע נאַכט אויף מיטינגען.

איך באַלאַנג דאָ צו קיין פֿאַראיין: צו זאַט בין איך דערמיט. איך האָב אַ סך

ביכער אויף מײַן פֿענסטער ליגן; אָבער כ׳קען זיי ניט לייענען. ווייניק האָב איך דען געלייענט?

איך כאַפּ אַ פּאָר טעגלעכע צײַטונגען. אַנאַנדערס מאָל דוכט מיר, אַז איך געפֿין אין זיי אוצרות און איך לייען דורשטיק די אַדוועטײַזמענטס אַפֿילו... און אַנאַנדערס מאָל בלעטער איך נערוועז איין פּײפּער נאָכן אַנדערן, און שלײַדער זיי אײַנציקווײַז צו דר׳ערד...

באַקאַנטע האָב איך ווייניק. און די ווייניקע מײַדן מיר אויך אויס. קיין ווונ-דער: ס׳פֿאַרגייט דער חשק צום לעבן, קוקנדיק אויף מיר.

און ווער איז מיר דען שולדיק? ווער האָט מיך, אייגנטלעך, ניט געלאָזט האָ-בן אַ רײַכע, אַ שיינע, אַ גאָלדענע פֿאַרגאַנגענהייט? איך האָב צו קיינעם און מאָן בײַ קיינעם גאָרנישט.

אין דער יוגנט איז פֿאַראַן אַ מאָמענט, ווען מ׳קען אָנכאַפּן דעם גליק פֿאַרן באָרד. פֿאַרזעט מען דעם מאָמענט, איז פֿאַרפֿאַלן...

און פלוצלונג הייבן אָן מײַנע פּאָר באַקאַנטע מיידלעך אַרײַנקומען צו מיר פֿרי אין אָוונט. זיי סודן זיך מיט מײַן מיסעס... זיי האָבן געטראָפֿן מײַן געדאַנק... חאַ, חאַ, – זיי וועלן מיך דען אײַנהיטן?

דער געדאַנק פֿון זעלבסטמאָרד איז צו מיר געקומען ווי אַן אַלטער חבֿר. עפּעס האָט מיר געדוכט, אַז איך לעב שוין מיטן געדאַנק יאָרן לאַנג. איך גלויב ניט אײַערע ליטעראַטן וואָס מיינען אַז זיי דרינגען אַרײַן אין די געדערעם פֿון זעלבסטמערדער, און זיי פּלוידערן אָן גאַנצע בערג אויף דעם. איך האָב נאָר געפֿילט אַ שרעקלעכע מידקייט און שטאַרקן פֿאַרלאַנג נאָך רו. איך בין אַפֿילו ניט ראָמאַנטיש אָנגעלייגט: איך פּוץ ניט אויס מײַן צימער מיט בלומען און קלייד מיך ניט אָן אין קיין חופּה-קלייד, ווי איר שרײַבט אין אײַער ראָמאַנען. כ׳האָב שוין אַ פּאָר טעג די קאָפּ ניט געקעמט, איך טו די שיך ניט אויס. אין צימער איז אָנגעוואָרפֿן ביכער און צײַטונגען, ניט אויסגעקערט, ניט אויפֿגערוימט, מײַן קלייד איז נאָך נאַס פֿון רעגן; איך פֿאַל אַזוי אויפֿן בעט. פֿאַרן לייגן זיך האָב איך נאָר גוט פֿאַרקלעפּט די שפּאַלטן און אָפּגעדרייט די גאַז...

און איצט איז דער פֿינפֿטער פּעריאָד:

די טיר האָט מען אויפֿגעפּראַלט; מיך האָט מען געראַטעוועט. ס׳האָבן זיך נאָכדעם אָבגעזוכט קרובֿים. איינע האָט מיר געקויפֿט אַ ״פּרעזענט״ אַ קלייד, די אַנדערע אַ סוט, די דריטע אַ בלוזע. און חבֿרטעס האָב איך פּלוצלונג געקראָגן! ווי שוואָמען זײַנען זיי אויסגעוואַקסן. און הערט, חבֿרים אויך... חאַ-חאַ! און ער, מײַן איצטיקער, איז אויך צווישן די נײַע חבֿרים.

איצט, זעט איר דאָך, איז מײַן צימער אויסגעפּוצט מיט ווײַסע פּאָרהאַנגען, און אויף די "טויטענדע" געז איז אָנגעטאָן אַ ווײַסער גלאָז וואָס פֿאַרשפּרייט אַ ליבן שײַן. מיר ווינען צוזאַמען. איך גיי אָנגעטאָן אין די "פּרעזענטס" פֿון מײַנע קרובֿים.

איך לײַכט, זאָגט איר, נו געוויס. ער איז יונג און שיין. אַ צאַרטער, אַן איידלער, איך בין בײַ אים זײַן ווײַב, זײַן געטין, זײַן אידעאַל. ער ליבט מיך מיט די ערשטע ריינע אונשולדיקע ליבע. זײַנע קושן וואָלטן דאָס געזיכט פֿון אַ מת לעבעדיק געמאַכט. און זײַנע אומאַרמונגען... אַ שאָטן פֿון טרויער באַמערקט איר אָפּטמאָל אין מײַן אויג? נו, געוויס.

איין טריט ווײַטער פֿון אונדזער גליק איז אָפֿן דאָס שרעקלעכע מויל פֿון אומגליק. און מײַן האַנט וועל איך באַלד ווידער דאַרפֿן אויסשטרעקן צום געז. און דער אומגליק קומט איצט פֿון די אייגענע. דעראויף האָבן זיי זיך גאָר ניט גערעכנט: אין מיר זיך פֿאַרליבן, און נאָך אַזוי שטאַרק!...

און זיי האָבן מיך איצט אַלע פֿײַנט. אַן אומגליקלעכן האָט מען פֿײַנט, אָבער אַ גליקלעכן נאָך מער... יעדן באַזונדער – איבערהויפּט די מיידלעך – בין איך עפּעס שולדיק. עפּעס קומט זיי אויס, אַז איך די "פּעסימיסטקע", די פֿאַרוועלקטע, די אַלטע, טאָר ניט פֿאַרנעמען אַזאַ שיינעם יונגער-מאַן...

מילא, דאָס וואָלט מיר אויך ניט אַרן; דאָס אמתע גליק איז העכער פֿון אַלע קלייניקייטן. אָבער זיי קריכן ווי ווערעם, אין גוף אַרײַן: אָט עסן זיי באַלד אָפּ סאַפּער, קומען זיי איינציקווײַז. זיי פֿילן אָן דעם קליינעם צימער, ס'איז דערשטיקט צו ווערן, זיי רויכערן, זיי רעדן, אַ ים מיט פּראַזן פֿילט אָן די לופֿט. און אַז ער לייגט אַרויף די האַנט אויף מיר, קוקן זיי מיט גיפֿט און שפּאָט אויף אונדז ביידן. זיי גריבלען זיך אין אונדז, קריטיקירן, רעדן, און זיצן אָפּ ביז האַלבע נאַכט...

זייערע הויפּטעמען זײַנען יונגע ליבע, "וואַרײַעטי" א.ז.וו. ער איז נאָך אַזוי יונג... אָפּט פֿאַרטראַכט ער זיך... ר'האָט נאָך גאָר ניט געלעבט... און איך! אָך, איך בין פֿון אים אַזוי ווײַט... און כ'האָב אַזוי מורא פֿאַר זײַן אויפֿוואַכן...

שוין באַלד זעקס אַ זייגער... ער קומט באַלד... גייט געזונטערהייט; דאָס גליק איז קורץ און ציטעריק... ס'האָט מורא פֿאַר אַ פֿרעמד אויג...

איר זײַט דאָך ניט ווי מײַנע חבֿרטעס. לאָזט מיך, לאָזט מיך אַליין מיט מײַן אָרעמען, עלנטן גליק!...

פֿון: *געקליבענע שריפֿטן.* ניו-יאָרק 1913, ז' 117- 122

■